**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

וּבָרוּךְ קֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ...

בעזהשי"ת ▪ חיי שרה תשפ"א ▪ גליון צט'

# פארוואס זאל איך בכלל אנהייבן טוהן...
## ווען איך ווייס קלאר אז עס גייט נישט אנהאלטן צו לאנג!

### די מוסר השכל און לימוד פון לבן, עשו און ישמעאל.

צענדליגע מאל שטויסן מיר זיך אן מיט דעם פארפלאנטעטע שאלה, "**פארוואס זאל איך בכלל אנהייבן טוהן ווען איך ווייס קלאהר אז דאס גייט נישט אנהאלטן צו לאנג? וואס גיי איך אויפטוהן?**" אינעם פריערדיגן גליון האבן מיר אויסגעשמועסט די נושא פון "פרובירן", וויפיל מאל א מענטש דארף פרובירן ביז ער קומט אן בעז"ה.

קען דאך א מענטש קלערן צו זיך, "אודאי, ווען איך בין אנטשלאסן און איך בין מחליט בכל תוקף צו האלטן אין איין פרובירן און נישט ווערן מיד, זיכער וועל איך אנקומען! אבער וואס טוט מען ווען איינער האט נישט דער כח, ער קען זיך גוט און ווייסט קלאהר פון ערפארונג, (ווען ער האט זיך מקבל געווען/אונטערגענומען פארשידענע הנהגות טובות אין די עבר,) אז עס גייט נישט אנהאלטן צו לאנג... אפשר עטליכע טעג אדער אין בעסטן פאל, אפשר א וואך, וואס זאל ער דעמאלטס טוהן?!"

אזא מענטש וועט זיכער טראכטן, "וואס האב איך פון זיך פלאגן? פארוואס זאל איך בכלל אנהייבן און פרובירן ווען איך ווייס קלאר אז מארגן גייט עס ווערן א פארגאנגענהייט?! ווער וויל משקיע זיין אין א געשעפט וואס מען ווייסט קלאהר אז עס גייט אנזעצן נאך עטליכע טעג?"

אין די וואכנדיגע פרשה, וועלן מיר לערנען א נייע דערהער און א טיפע מושג: ווי אזוי רעכנט מען אין הימל די אלע מעשים טובים וואס א מענטש טוט?!

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פארן וואך...

**וּלְרִבְקָה אָח וּשְׁמוֹ לָבָן וַיָּרָץ לָבָן אֶל הָאִישׁ הַחוּצָה אֶל הָעָיִן.**

וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם וְאֶת הַצְּמִדִים עַל יְדֵי אֲחֹתוֹ וּכְשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי רִבְקָה אֲחֹתוֹ לֵאמֹר כֹּה דִבֶּר אֵלַי הָאִישׁ וַיָּבֹא אֶל הָאִישׁ... (חיי שרה כד, כט-ל)

לבן, דער גרויסע ברודער פון רבקה איז געלאפן צו דער מענטשביים ברינען... **פארוואס לויפט ער?** זאגט רש"י: לבן האט זייער ליב געהאט געלט, **וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם וְאֶת הַצְּמִדִים עַל יְדֵי אֲחֹתוֹ**, איז ער געווארן זייער אנגערייצט, "אהא! דער מענטש האט געלט! איך מוז ווערן גוט מיט אים! איך גליסט דאך פאר געלט! לאמיר שנעל גיין רעדן מיט אים."

לפי"ז, קומט אויס אז הגם די פסוק פון **וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם** שטייט איין פסוק נאך דעם פסוק פון **וירץ**, איז דאס אבער אין פאקט געשעהן פריער (עי' שפת"ח). א שטיקל דוחק...

**קומט דער אוחה"ק און דערציילט אינגאנצן אן אנדערע מעשה. ולפי"ד, שטימט אסאך בעסער די סדר הפסוקים.**

### וּלְרִבְקָה אָח וּשְׁמוֹ לָבָן...

**פרעגט די אוחה"ק:** פארוואס ווערט לבן'ס נאמען דא געשריבן אויף די זעלבע אופן און לשון וואס מען שרייבט ביי צדיקים?

חז"ל זאגן דאך אז נאר ביי צדיקים שרייבט מען קודם "**שמו**" און נאכדעם די נאמען, כדכתיב: **ושמו**- בועז, **ושם האיש**- אבימלך. משא"כ, ביי רשעים שרייבט מען קודם זייער נאמען און נאכדעם **שמו**, כדכתיב: נבל **שמו** וגו'. פארוואס שרייבט מען דא **וּשְׁמוֹ לָבָן**, אזוי ווי מען שרייבט ביי א צדיק און נישט **לָבָן שְׁמוֹ** אזוי ווי מען שרייבט ביי א רשע?

**ענטפערט דער אוחה"ק:** וויבאלד לבן האט דא געטוהן א מעשה פון צדיקים, איז אים דער אייבערשטער נישט שולדיג געבליבן און באצאלט מיט דעם אז מען שרייבט זיין נאמען אזוי ווי מען שרייבט ביי צדיקים.

### וואס האט לבן דא געטוהן?

זאגט דער אוחה"ק: לבן האט נישט געוואוסט וואס אליעזר, א פרעמדע מאן, האט גערעדט מיט זיין קליינע שוועסטער און פארוואס ער פארברענגט מיט איר. נאר, ווען ער האט געזעהן אז א פרעמדע מענטש פארברענגט מיט זיין קליינע שוועסטער, האט אים אנגעהויבן קאכן, "וואס גייט דא פאר?! א פרעמדע מענטש ווערט נאנט מיט מיין



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פערבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

שוועסטער!" און **וַיָּרָץ לָבָן אֶל הָאִישׁ הַחוּצָה אֶל הָעָיִן**, גלייך איז לבן געלאפן מיט א קאך און א קנאות, אפצוהאלטן דעם מענטש.

אבער, **וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם וְאֶת הַצְּמִדִים עַל יְדֵי אֲחֹתוֹ וּכְשָׁמְעוֹ אֶת דִּבְרֵי רִבְקָה אֲחֹתוֹ לֵאמֹר כֹּה דִבֶּר אֵלַי הָאִישׁ...** הערשט נאכן הערן פונקטליך די גאנצע מעשה, האט ער זיך בארואיגט, "ניין. אליעזר האט נישט קיין שלעכטע כוונות, חס ושלום!" און אנגעהויבן רעדן פריינדליך מיט אים.

(לפי"ז, קומט טאקע דער צווייטער פסוק וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם, נאך דעם וירץ.)

דערפאר, ווערט זיין נאמען דא געשריבן ווי א צדיק, "הרה"צ **ר' לבן** שליט"א", וויבאלד יעצט האט ער געטוהן א מעשה קנאות, א מעשה פון צדיקים... (אוהח"ק שם)

איי, שפעטער אין די סדרות (תולדות כה, כ), ווען מען רעדט פון רבקה, ווערט ער גערופן מיט אן אנדערע נאמען אינגאנצן און נאך מיט א צונאמען, **אֲחוֹת לָבָן הָאֲרַמִּי**, ווי רש"י שרייב דארט: מה ת"ל **ארמי**, ללמדך אביה רמאי ואחיה רמאי[א], אלע זענען געווען פאפערס, עד כדי כך אז ער האט באקומען א צונאמען, "לבן דער פאפער". (ע"פ דברי המדרש בראשית רבה סג, ד)

נאר עס מאכט נישט אויס. אפי' ער איז געווען א רשע פארדעם און גלייך נאך די מעשה איז ער ווייטער געווען א רשע, דאך וויבאלד אין די ספעסיפישע מינוט האט ער געטוהן א מצוה בשלימות און מיט א קאך, ווערט ער דא גערעכנט ווי א צדיק גמור! **ווייל אין הימל קוקט מען נישט וואס איז געווען פארדעם און וואס וועט זיין נאכדעם, נאר וואס איז יעצט!**

פרעגט זיך דער קשיא: בשלמא יעצט, בשעת מעשה, ווערט ער גערעכנט פאר א צדיק, דאס קענען מיר פארשטיין ווייל אין די מאמענט איז ער געווען א צדיק. אבער פארוואס זאל מען אזוי ארייננשרייבן זיין נאמען אין די תורה לדורות עולם ווען גלייך נאכדעם וועט זיין גרויסע רשעות באקאנט ווערן?

נאר טאקע דאס איז אונזער היינטיגע לימוד. די תורה קומט אונז דא לערנען א געוואלדיגע מוסר השכל: וויבאלד אין יענע ספעסיפישע מינוט האט ער געטוהן א מצוה בשלימות און מיט א קאך, בלייבט דאס פארשריבן פאר אים לזכות לדורות עולם ולנצח נצחים, נישט קיין חילוק וואס ער וועט טוהן שפעטער.

און יא... אפי' היינט ווען מיר ווייסן שוין קלאר ווער דער לבן איז געווען און וויפיל צרות ער האט אויסגעטיילט פאר אונזער פאטער יעקב (ארמי אובד אבי), איז זיין ערליכן נאמען געבליבן אינעם פסוק און עס וועט קיינמאל נישט פארמעקט ווערן! ווייל אין הימל פארגעסט מען נישט און מען מעקט נישט אויס קיין שום מעשים טובים פון א מענטש, נישט קיין חילוק וואס ער האט געטוהן פארדעם און וואס ער וועט טוהן נאכדעם!

**אין הימל פארגעסט מען נישט און מען מעקט נישט אויס קיין שום מעשים טובים פון א מענטש, נישט קיין חילוק וואס ער האט געטוהן פארדעם און וואס ער וועט טוהן נאכדעם!**

~

## דער בעל עגלה מיט'ן חוזה...

ביים הייליגן חוזה, דער רבי פון לובלין זי"ע, איז געשעהן א געוואלדיגע מעשה וואס שיינט א ליכט אויף אונזער נושא. איינמאל, זענען די תלמידים געפארן צו לובלין מיט א בעל עגלה וואס האט זייער געבעטן אז זיי זאלן איבערגעבן זיין קוויטל בשעת זיי גייען אריין צום רבי'ן. ווען דער חוזה האט געליינט די קוויטל פון דער בעל עגלה, האט ער זיך אנגערופן **"ער שיינט אין אלע עולמות"**. די תלמידים האבן זיך זייער געוואונדערט, "וואס איז פשט? לפי דעתם, האבן זיי גארנישט עפעס עקסטער געזעהן ביים בעל עגלה, ער האט אויסגעקוקט ווי א פראסטע עם הארץ!"

ווען די תלמידים זענען צוריק געקומען צום בעל עגלה, האבן זיי אים אויסגעפרעגט איבער זיינע מעשים. דער בעל עגלה, נישט וויסנדיג פון גארנישט, האט זיי דערציילט די פאלגנדע מעשה.

"בשעת איר זענט געגאנגען צו אייער רבי'ן, בין איך געגאנגען שפאצירן אין מארק. דארט האב איך געזעהן ווי א חופה שטייט גרייט און די מוזיק שפילט אבער דער עולם ווארט. האב איך זיך נאכגעפרעגט ביים עולם, "אויף וואס ווארט מען? איך זעה אז די חתן און כלה זענען שוין דא!" האבן זיי פארציילט אז דער חתן וויל נישט גיין אונטערן חופה ווילאנג די כלה ברענגט נישט דעם טלית וואס זי האט צוגעזאגט." (ווי דער מנהג איז דעמאלס געווען.)

"מיינע רחמנות געפילן האט זיך גלייך ערוועקט. "וואס? א כלה גייט דא ווערן פארשעמט בלויז פאר אפאר דאללער?! ניין! איך וועל דאס נישט צולאזן. גלייך האב איך ארויסגענומען די געלט וואס איך האב נארוואס פארדינט און אהין געגעבן פארן פארפאלק אז מען זאל שוין גיין קויפן א טלית פארן חתן און גיין צום חופה תיכף ומיד."

די תלמידים האבן אנגעהויבן כאפן וואס דא איז געשעהן. האבן זיי געפרעגט ווייטער, "זאג נאר, ווען גענוי האט די מעשה פאסירט?" **ווי וואונדערליך איז געווען ווען זיי האבן אויסגערעכנט אז דאס איז געווען פונקט אין די זעלבע צייט וואס די רבי האט געליינט זיין קוויטל!**

יעצט האבן שוין די תלמידים פארשטאנען פארוואס דער חוזה האט זיך אנגערופן "ער שיינט דאך אין אלע עולמות!" בשעת ער האט געליינט זיין קוויטל. **ווייל אין די צייט ווען א איד טוט א מצוה בשלימות, שיינט ער באמת אין אלע עולמות!**

---

[א] ולא כפשוטו, לבן ארמי, שהוא מפדן ארם. עי"ש

זאגט דער מנחת אלעזר (ממונקאטש): מיט דעם פארשטייט מען גוט פשט אין רש"י אין פרשת דברים, אויפן פסוק **הָבוּ לָכֶם אֲנָשִׁים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם וַאֲשִׂימֵם בְּרָאשֵׁיכֶם**. (דברים א, יג) [משה רבינו, בשעת ווען ער האט געזאגט פאר די אידן וויאזוי צו זוכן שופטים, האט ער זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן נעמען אזעלכע וואס זענען ידועים לשבטיכם.] זאגט רש"י: "**וידועים לשבטיכם**" - מאכט זיכער עס זאל זיין אזא איינער וואס איז גוט באקאנט פאר אייך, גייטס אליין און זוכטס, פארלאזט זיך נישט נאר אויף מיר. **שאם בא לפני מעוטף בטליתו, איני יודע מי הוא ומאיזה שבט הוא ואם הגון הוא**- ווייל אויב קומט דער מענטש צו מיר, אפשר וועט ער קומען איינגעהילט אין א טלית און איך וועל נישט וויסן ווער דער מענטש איז באמת, פון וואו ער קומט און אויב ער איז באמת אן ערליכער. אבער איר, וואס איר זענט אויפגעוואקסן מיט אים אין איין שבט, וועט איר דאך אודאי וויסן קלאר ווער דער מענטש איז באמת.

פרעגט דער מנחת אלעזר: פארוואס געבט רש"י פונקט די משל פון א טלית? ענטפערט דער מנחת אלעזר: משה האט דא געמיינט צו זאגן אז אפשר וועט דער מענטש קומען צו מיר איינגעהילט מיט "**די מצוה פון טלית**" וואס דעמאלטס שיינט ער דאך אין אלע עולמות, וועל איך נישט קענען וויסן ווער דער מענטש איז באמת. אבער איר, וואס איר זענט אויפגעוואקסן מיט אים אין איין שבט, איר קענט אים פון פארדעם און איר קענט אים נאכדעם, איר וועט יא וויסן קלאר ווער דער מענטש איז באמת!

## לאמיר גיין א טריט ווייטער!

אויב מעג מען פרעגן... (און ווי מאנכע פרעגן היינט,) וואס האט דער פראסטע מענטש פון דעם אז בו בשעתו שיינט ער אין אלע עולמות? וואלט ער באמת געווען אן ערליכע איד, וואלט ער שוין איינמאל געהאט פון דעם! **לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו**, דאס אליין איז אים שוין גענוג! אבער דער פראסטע בעל עגלה, וואס באלד דערנאך גייט ער צוריק צו זיין פערד, וואס האט ער פארדינט אז פינף יאר צוריק האט ער געשיינט אין אלע עולמות?

לפי"ד עד כה, איז דאס זייער קלאר. אונזער מעשים טובים זענען נישט סתם אן איינמאליגע אור וואס שיינט און דערנאך גייט עס אוועק. נאר "שיינען אין אלע עולמות" מיינט אז יענע ספעציפישע מינוט ווערט דער מענטש פארשריבן לזכות לדורות עולם ולנצח נצחים, **און דאס ווערט קיינמאל נישט פארמעקט!** עס ווערט נישט פארלוירן פון סיי וואס ער טוט שפעטער.

**יא! עס קען זיין אז דער מענטש האט שוין לאנג פארגעסן פון דער גוטע טאט וואס ער האט אמאל געטוהן, אבער דער רבוש"ע פארגעסט קיינמאל נישט, כי אין שכחה לפני כסא כבודך!**

~

## יצחק מיט זיין זוהן עשו...

לפי דעם מהלך, קען מען אויך גוט פארשטיין די פסוק **וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו** (תולדות כה, כח). לכאורה איז דאך שווער, ווי אזוי האט געקענט זיין אז דער צדיק יצחק האט בכלל נישט געוואוסט אדער מרגיש געווען ווער עשו איז באמת געווען? ווי אזוי האט ער אים געקענט אזוי שטארק אויספאפן?[ב]

און אויב האט ער אים יא געקענט אויספאפן, פארוואס שפעטער ווען יעקב איז געקומען נעמען די ברכות, האט אים יצחק געזאגט... **הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו**. רש"י זאגט: "**קול יעקב**"- שמדבר בלשון תחנונים קום נא, אבל עשו בל' קנטוריא דבר יקום אבי (כז, כב). האט יצחק יא געוואוסט ווער עשו איז אדער נישט?

לויט ווי מיר זאגן יעצט, קען מען דאס גוט פארשטיין. עס איז אמת אז עשו האט געהאט א ברייטע שפראך און יעקב האט געהאט אן איידעלע. אבער וויבאלד עשו האט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב מהדרין מן המהדרין, האט יצחק באמת נישט געקענט וויסן ווער עשו איז, ווייל יעדעס מאל ווען עשו איז געווען נעבן אים, איז ער געווען אינמיטן עוסק זיין אין די הייליגע מצוה פון כיבוד אב און אין יענע מינוט, איז ער באמת געווען ווי א צדיק גמור וואס "**שיינט אין אלע עולמות**".

[**ווי אזוי באצאלט מען פאר עשו?** זאגן די מפורשים: וויבאלד למעשה איז עשו געווען אן אמת'ע רשע, האט דער אייבערשטער אים נישט געוואלט באצאלן אויף יענע וועלט ווי די צדיקים, נאר דייקא אויף די וועלט. **לפיכך זכה למלכות ואריכת ימים בעוה"ז**. (ווי דער מעלות המדות שרייבט עי' בהערות[ג])]

~

## דער לימוד פון ישמעאל

**וַיִּקְרָא מַלְאַךְ אֱלֹקִים אֶל הָגָר מִן הַשָּׁמַיִם, וַיֹּאמֶר לָהּ מַה לָּךְ הָגָר אַל תִּירְאִי כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם"**. (וירא כא, יז)

די פסוק דערציילט אונז אז דער אייבערשטער האט צוגעהערט צו ישמעאל'ס וויי געשריי, **באשר הוא שם**, דארטן ווי ער האט זיך געפונען. זאגט רש"י פשט: (בשם מד"ר) **באשר הוא שם**, לפי מעשים שהוא עושה עכשיו הוא נדון, ולא לפי מה שהוא עתיד לעשות... דער אייבערשטער האט געזאגט, "יעצט, אין די דאזיגע מאמענט, איז ער א צדיק? לאמיר אים נאכגעבן און שיקן וואס ער בעט."

אבער די מלאכים האבן גע'טענה'ט, "רבש"ע, איינער וואס גייט הרג'נען דיינע קינדער "**מיט דארשט**", אים גייסטו יעצט העלפן און שיקן וואסער צו שטילן "**זיין דארשט**"? ווי אזוי קען מען געבן וואסער פאר אזא איינעם?!"

ענטפערט די רבוש"ע, "**עכשיו מהו צדיק או רשע**? וואס איז ער יעצט?" **אמרו לו, "צדיק!"** אמר להם, "לפי מעשיו של עכשיו אני דנו[ד]".

---

[ב] רש" ד"ה בפיו: כתרגומו בפיו של יצחק, ומדרשו בפיו של עשו, שהיה צד אותו ומרמהו בדבריו.

[ג] בא"ד (ערך מדת כיבוד אב ואם), צאו וראו כמה גדול כח כיבוד אם ואם, שאין לך קשה בכל המלכיות כמלכות אדום והאריכו שנים בכל המלכיות, ומי גרם לו שהאריכו שנים בעולם, כיבוד שכיבוד עשו את אביו... ומה עשו הרשע שלא היתה לו זכות אחר אלא של כיבוד אב ואם, ניתן לו ארכא כמה זמן, ישראל שיש בהן כמה מצוות וכיבוד אב ואם עאכ"ו שנותנין להן ארכא בעוה"ז וזוכין לחיי העוה"ב.

[ד] והקשה הרא"ם, א"כ מדוע בן סורר ומורה נדון על שם סופו. ועי' במהרש"א ר"ה טז: בן סורר ומורה נדון על שם סופו של "**עצמו**", מה שאין כן בישמעאל רצו המלאכים שידון אותו הקב"ה על מעשיהם לעתיד של "**צאצאיו**". ולפענ"ד אפ"ל, בן סורר ומורה למעשה כעת אינו עושה שום מעשה צדקות, אדרבא אוכל וזולל, משא"כ ישמעאל למעשה כרגע צדיק הוא, על כן בו בזמן שאנו דנין אותו כצדיק א"א לקשר אליו העתיד.

איך קוק נישט אויף שפעטער, נאר איך קוק אויף יעצט! יעצט איז ער א צדיק? דארף מען אים העלפן!"

## ווי אזוי איז ישמעאל פלוצלינג געווארן א צדיק?

זאגט דער מעם לועז: אין יענע צייט איז ישמעאל געווען אין א מצב פון יאוש, א חולה מסוכן. ער האט געשריגן צום רבוש"ע און זיך געבעטן פאר הילף מיט א צובראכענע הארץ." רבוש"ע, איך וויל זיין גוט! רבוש"ע, איך גיי שוין זיין גוט!" **וישמע אלקי' את קול הנער**, מיינט מען א קול פון תשובה און חרטה. דערפאר, יעצט באשר הוא שם, איז ער א צדיק. דער רבוש"ע, וואס איז א קל רחום וחנון, זאגט "איך מאך נישט קיין חשבונות. **איך קוק נאר אויף די מינוט**!"

**לאמיר זיך א מינוט מתבונן זיין** און דערהערן אסאך א טיפערע יסוד וואס ישמעאל האט אונז אויסגעלערנט... נישט נאר ווען מיר טוהן א מצוה בשלימות ווערן מיר פאררעכנט ווי צדיק גמור, נאר אפי' בלויז מיט א החלטה גמורה "**שלא ישוב לכסלה עוד**", אפי' מיר ווייסן קלאר אז מיר גייען נאכאמאל דורכפאלן, דאך ווערן מיר דעמאלטס פאררעכנט ווי צדיקים גמורים.

ווי דער אייבערשטער זאגט, "איך מאך נישט קיין חשבונות. איך קוק נישט וואס איז געווען פארדעם, איך קוק נישט וואס גייט זיין שפעטער, איך קוק וואס איז יעצט!" א שאד נישט צו מקבל זיין אויף זיך ווי מער...

**נ.ב.** הגם וואס אויבערפלעכליך זעהט אויס ווי די מדריגה פון ישמעאל איז געווען פונקט ווי די מדריגה פון לבן און עשו, מוזן מיר קלאר מאכן אז די מדריגה פון ישמעאל איז אסאך א העכערע מדריגה.

ווייל וויבאלד ישמעאל איז למעשה יעצט געווען אין א מצב פון חרטה און תשובה, א מצב פון מאכן א גענצליכע אפשטעל פון זיינע אלטע שלעכטע מעשים און א נייע התחלה אויף ווייטער[ה], איז ער באמת געווען א צדיק גמור אין די מינוט.

משא"כ, לבן און עשו, פון וועמען מיר האבן גערעדט ביז אהער, האבן נאכנישט תשובה געטוהן, זיי האבן נאכנישט מחליט געווען צו טוישן זייערע מעשים, אבער וויבאלד אין יענע מינוט האבן זיי געטוהן א מצוה בשלימות, ווערן זיי דארטן פאררעכנט ווי צדיקים שלמים ווייל דעמאלטס האבן זיי פארשאפט א נחת רוח פאר דעם אייבערשטער אין הימל.

## והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות.

ווען מיר וואלטן געקענט זעהן וואספארא נחת רוח מיר פארשאפן פאר אונזער טאטן אין הימל בשעת מיר טוהן א מצוה, ווען מיר וואלטן געקענט זעהן ווי מיר "**שיינען אין אלע עולמות**", וואלטן מיר קיינמאל נישט ארויסגעלאזט קיין שום געלעגנהייט פון א מצוה, אפגעזונדערט "ווער איך בין" און "וואס איך בין", ווייל "דער עיקר אז יעצט מאך איך א נחת רוח פאר מיין טאטן!!" און נאך מער, "**די מצוה ווערט פארשריבן אויף מיין נאמען אויף אייביג!**"

**שטעלט אייך פאר!** א טאטע האט א קינד וואס האט נישט צופיל חשק צום לערנען. ווען ער בעט אים, "קום לערנען אביסל", זאגט די קינד גלייך, "טאטעו! דו ווייסט דאך אז איך האב נישט קיין נערוון צו לערנען, אפשר געבסטו אויף אביסל, לאז אפ דיין וואונטש!" די טאטע, פון די אנדערע זייט, וועט קיינמאל נישט אויפגעבן האפענונג אז אפשר דאך וועט קומען א צייט וואס דער זוהן וועט אנכאפן אן ערנסקייט און אנהייבן לערנען!

איין אינדערפרי, זעהט דער טאטע ווי דער זוהן זיצט און לערנט מיט אן אנדערע בחור/אינגערמאן. דער טאטע ווייסט קלאר אז זיין בחור האט ביז יעצט נישט געלערנט און עס קען זיין אז ער וועט ווייטער נישט צופיל לערנען, **אבער... יעצט אין די מינוט וואס דער זוהן לערנט, האט ער זייער הנאה פון דעם!**

**יעצט מאכט דעם חשבון אליין:** מה דאך ביי א בשר ודם, על אף וואס זיין הנאה גייט נאך א שטיק צייט פארגעסן ווערן, געבט דער זוהן יעצט א הנאה פאר זיין טאטן, על אחת כמה וכמה פארן הייליגן און גרויסן באשעפער, וואס ביי אים ווערט דאס קיינמאל נישט פארגעסן, איז זיכער אז דער קורצע און איינמאליגע הנאה איז גרויס און וויכטיג!

**והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות.** עס קען זיין אז נישט נאר דער גודל פון די שכר ווייסן מיר נישט, נאר אפי' דער עצם אופן ווי אזוי דער ענין פון שכר ארבעט, דאס ווייסן מיר אויך נישט...

עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז דער סדר פון מצוות און עבירות ארבעט ווי פאלגענד: איך טוה א מצוה, באקום איך א קרעדי"ט (עס ווערט געמאכט א דיפאזי"ט). איך טוה אן עבירה, באקום איך א נעגעטי"ו (עס ווערט געמאכט א ווידרא"ל). קען א מענטש זיך מאכן א חשבון: אויב יעדע מאל וואס איך פיר זיך נישט אויף ווי מען ברויך (וואס דאס איז על פי רוב), רעכנט זיך דאס אראפ פון מיין קרעדי"טס, דעמאלטס "ווער דארף קרעדי"ט?! איך גיי דאך דאס סייווי פארלירן אין גאר א קורצע צייט, **וואס טוה איך אויף ווען איך טוה גוטע זאכן?**" ווי פריער גערעדט, וועל משקיע זיין אין א געשעפט וואס מען ווייסט קלאהר אז עס גייט אנזעצן נאך עטליכע טעג?!

**זאגט דער תומר דבורה אין פרק ראשון:** (השמינית יכבש עונתינו) א מצוה איז ווי א בלומעלע וואס מען זייעט איין. זי בלייבט אייביג שיין און גייט ארויף גאר הויך ביז עס שטייט פאר קודב"ה אליין. ווי דער זוה"ק שרייבט: דער מצוה אליין זאגט פאר רבוש"ע, "**אנא מפלניא דעביד לי**" און דער אייבערשטער אליין געבט דאס אכטונג יעדן טאג כדי צו קענען צוריק טוהן גוטס פאר א מענטש.

זאגט דער תומר דבורה ווייטער: די פלאץ איז גאר אן אפגעהיטענע פלאץ און די עוונות פונעם מענטש קענען נישט אריינגיין דארט. די עוונות נעמט מען עקסטער צוזאם און עס ווערט געלייגט אין אן אנדערע פלאץ, אפגעזונדערט פון די מצוות.

[ה] ויקברו אותו יצחק וישמעאל וגו'. פי' רש"י: מכאן שעשה ישמעאל תשובה והוליך את יצחק לפניו, והיא שיבה טובה שנאמרה באברהם. (בראשית כה, ט - בר"ר לח, יב)

**פארוואס געבט מען דאס אזוי שטארק אכטונג?** וויבאלד די מצוות זענען זייער באליבט פארן אייבערשטער, איז דער אייבערשטער נישט מוותר און לאזט נישט ארויס מלפניו קיין איין איינציג מצוה.

**ומהאי טעמא**, וועט דער אייבערשטער נישט צולאזן אז א מענטש זאל מאכן א געשעפט מיט די מצוות און זאגן, "קוק, איך האב געטוהן 40 מצות מיט 10 עבירות. זאל די 10 עבירות אויסמעקן 10 פון די מצוות און איך וועל בלייבן נאר מיט 30 מצוות!"

**ניין! דער אייבערשטער איז נישט מוותר אויף קיין איין איינציג מצוה! א מענטש האט געזינדיגט? ער וועט באזונדער באשטראפט ווערן אויף דעם, אבער נישט אויפן חשבון פון א מצוה!!**

און דאס איז דער גרעסטע טובה וואס עס קען נאר זיין פאר א מענטש... ווייל די שכר פון די מצוות זענען אזוי גרויס, עס לוינט זיך נישט אויף קיין שום פאל צו מוותר זיין אויף דעם!

## צידה לדרך

**גודל התחלת המצוה אין לשער,**

ואציג מספר תולדות אמת (סיפורים על תלמידי בעש"ט) מה שכתבו בשם הרה"ק ר' ייב"י מאוסטראה (יעקב יוסף בן יהודה) שאמר: "כשאיש הישראלי מפריד חוטי הציצית, מתקבצים מלאכים ושרפים, ואומרים: "הנה היהודי הזה יברך תיכף להתעטף בציצית!" כמו בעת שהמנגן עורך נימי הכנור, מתקבצים הנערים ואומרים, תיכף ינגן זה... עכ"ל.

# מוסר השכל:

אונזער וואכנדיגע לימוד איז געווידמעט פאר די אלע וואס האבן מורא צו פרובירן אנהייבן טוהן סיי וועלכע גוטע זאך ווייל... ער קען מענטשן וואס האבן שוין עטליכע מאל זיך מקבל געווען/אונטערגענומען פארשידענע הנהגות טובות און... עס האט נישט אנגעהאלטן צו לאנג... דעמאלטס, וואס האט מען פון אנהייבן, פרובירן און זיך פלאגן ווען מען קען זיך שוין פון יארן לאנג און מען ווייסט קלאהר אז עס גייט נישט אנהאלטן צו לאנג!!

### צו זיי זאגן מיר:

"ר' איד, זאלסט וויסן אז אויב דו האסט אנגעהויבן אדער געטוהן סיי וועלכע גוטע זאך, אפי' נאר פאר איין טאג... זאלסטו נישט זאגן אז **דו ביסט נישט אנגעקומען... ווייל דו ביסט אנגעקומען זייער הויך! יעדן טאג וואס דו כאפסט אריין איז הכל רווח!**"

"עס איז נישט קיין נפק"מ וויפיל מאל דו האסט אנגעהויבן און דורכגעפאלן, אלע דיינע מינוטן פון מעשים טובים ליגן פארשריבן און אוועקגעלייגט אויבן אין א סעי"ף אויף אייביג! אויף דיין נאמען שטייט דעם טיטל **"הרב הצדיק"**.... און דאס וועט קיינמאל נישט פארמעקט ווערן!"

"ר' איד! זייט נישט מקשר דיין עבר און דיין עתיד צו דעם הוה! ערגער ווי לבן, ישמעאל, אדער עשו ביסטו אוודאי נישט! אויב "זיי" ווערן פאררעכנט ווי צדיקים בשעת זיי האבן טוהן מעשים טובים, אודאי און אודאי דו אויך!"

**ארמי אבד אבי**, זאגט דער אוהח"ק פרשת כי תבא: **ארמי**, דאס גייט ארויף אויף דער גרויסע פאפער, דער יצה"ר וואס טוט אונז כסדר אויספאפן און פאר'נער'ן. ער איז דער וואס איז **אבד אבי**, ער וויל מאבד זיין אונזער נשמה אויף אלע אופנים, ער וויל אונז איינרעדן וואס איז יא ווערד און וואס איז נישט. אבער מיר וועלן זיך נישט לאזן פון אים! נאר אריינכאפן נאך מינוטן און נאך טעג... און ניין, עס מוז נישט זיין רצוף!

## הערות פון די ליינער

**לכבוד המערכת:**

אינעם גליון פון פרשת וירא, האט איר מאריך געווען אין די **מעשה פון רב פרידא** וואס האט געלערנט מיט זיין תלמיד 400 מאל ביז ער האט פארשטאנען און דער גרויסע שכר פון אריכת ימים וואס ער האט זוכה געווען אז ער האט געלעבט פיר הונדערט יאר און ער און זיין גאנצע דור האט זוכה געווען צו עוה"ב.

די וואך האב איך געלערנט מיט מיין חברותא א גמרא אין מסכת מגילה (דף כז, אונטן פונעם עמוד) וואו די גמרא זאגט: **שאלו תלמידיו את ר' פרידא: במה הארכת ימים?** און ר' פרידא ענטפערט דריי זאכן: מימי לא קדמני אדם לבית המדרש, ולא ברכתי לפני כהן ולא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה. איך בין געשטאנען פארוואונדערט, "איז דאס דער סיבה פארוואס ער האט געלעבט לאנג? די סיבה איז דאך בזכות וואס ער האט זיך געמוטשעט און געלערנט מיט איין תלמיד פיר הונדערט מאל?!"

האב איך געקוקט אין תוס' און געזעהן אז תוס' פרעגט די זעלבע קשיא. און תוס' ענטפערט וי"ל: אין אנהייב ווען ער האט געלעבט לאנג, האט ער בכלל נישט געוואוסט אז דאס איז דער סיבה, ביז ער האט געזעהן אז ער לעבט זייער זייער לאנג- 400 יאר, הערשט דעמאלטס האט ער געכאפט אז דאס מוז זיין דער סיבה פון זיין אריכת ימים. (וכעי"ז מבואר בתוס' בעירובין נד:)

איך בין געשטאנען און געקלערט צו מיר, "האט דען רב פרידא נישט געוואוסט די מורא'דיגע זאך וואס ער האט געטוהן, פארוואס איז אים בכלל נישט איינגעפאלן צו זאגן אז דאס איז דער סיבה פון זיין אריכת ימים? און ענדערש האט ער געזאגט: מימי לא קדמני אדם לבית המדרש, ולא ברכתי לפני כהן ולא אכלתי מבהמה שלא הורמו מתנותיה. וואס איז אזוי ספעציעל מיט די דריי זאכן?"

האב איך געקוקט אין די מהרש"א און געזעהן אז דער מהרש"א פרעגט די זעלבע קשיא: וא"ת מאי רבותיה כיון דאסור הוא. און דער מהרש"א ענטפערט: ביי די אלע 3 זאכן איז דער הלכה נישט אזוי און מען מעג דאס יא טוהן ואפ"ה החמיר הוא על עצמו.

לפי"ז, קומט אויס א מורא'דיגע מוסר השכל: רב פרידא האט נישט געהאלטן דאס ארבעטן שווער פאר אזא חשובות. ער האט געטראכט, "אויב איז מען מחויב צו טוהן עפעס, וועל איך דאס טוהן ביזן סוף. איי, עס איז שווער... נו, לכך נצרתי! אבער עפעס וואס איך מוז נישט טוהן און איך טוה דאס מיטן גאנצן ברען, דאס איז פאר מיר א חשיבות."

האב איך געקלערט אז מיט דעם קען מען מסביר זיין דאס וואס איר האט געשריבןביים סוף וועגן איוב מיט אברהם. איוב האט טאקע געארבעט שווער אבער ס"ה געטוהן וואס מען האט געדארפט, געגעבן צו עסן און צו טרינקן פאר יעדעם כפי צרכו. ווידער, אברהם האט זיך געזוכט נייע חיובים אפי' ווען ער האט נישט געדארפט. סיי ווען עס איז נישט געווען קיין געסט און סיי ווען דער גאסט איז געווען צופרידן מיט וואס מען האט אים געגעבן האט ער געטראכט, "ניין, איך בין נישט צופרידן. לאמיר אים געבן מער. לאמיר טוהן מער, אפי' ווען איך בין נישט מחויב."

און טאקע דאס ווייזט ארויס די ספעציעלקייט פון א איד: טוהן מער פון וואס מען דארף, טוהן מער פון וואס מען איז מחויב! און דאס קען מען נאר טוהן ווען עס איז דא א ספעציעלע אהבת ה'. ווי די גמרא זאגט אין ברכות כ: דאס איז דער סיבה פארוואס דער אייבערשטער איז נושא פנים פאר כלל ישראל, על אף וואס עס שטייט אין די תורה " אשר לא ישא פנים", וויבאלד כלל ישראל איז מהדר און מדקדק צו טוהן מער פון וויפיל זיי זענען מחויב.

ישר כח פאר די געוואלדיגע ארבעט,

**ש.ז.ק. קריאת יואל**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך torah10952@gmail.com